# **פרשת תרומה כ"ו שבט – ב' אדר תשע"ה לפ"ק**

***יום ראשון פרשת תרומה***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בית הכנסת סימן קנ"ג סעיף ח'). אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** האט געליינט דעם שבת די פרשה פון שקלים, כי תשא את ראש בני ישראל לפקודיהם, ונתנו איש כופר נפשו לה' בפקוד אותם, ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם (שמות ל-יב). די פשוטע פשט איז, כי תשא את ראש, ווען דו וועסט ציילען יודען. אין מדרש (תנחומא תשא ג) שטייט, אז משה רבינו האט געזאגט פארן אייבערשטען, שמא משאני מת איני נזכר, ווען איך וועל שטארבען וועט מען מיך נישט געדענקען. האט דער אייבערשטער געזאגט, אזוי ווי יעצט טוסטו אויפהייבען די קעפ פון יודען, אזוי אויך ווען מען וועט ליינען די פרשה פון שקלים, אתה עומד שם וזוקף ראשיהם של ישראל, וועסטו שטיין דארט, און דו וועסט אויפהייבען די קעפ פון יודען, שנאמר כי תשא את ראש, שא לא נאמר, עס שטייט נישט אז דו זאלסט יעצט אויפנעמען, נאר כי תשא, אין א לשון עתיד, יעדע יאר ווען מען וועט ליינען די פרשה, וועסטו אויפהייבען די קעפ פון יודען. וואס מיינט דאס, כי תשא את ראש, ווען דו וועסט אויפהייבען די קעפ פון יודען, ולא יהיה בהם נגף, וועט נישט זיין ביי זיי א נגף, בפקוד אותם.

**מען** געפונט בשעת יודען האבען געזינדיגט מיטן חטא העגל, און דער אייבערשטער האט געזאגט (שמות לב-י) ועתה הניחה לי ויחר אפי בהם ואכלם, איך וועל ח"ו ברענגען א כליון אויף יודען, האט משה רבינו זיך אנגעהויבען צו דינגען מיטן אייבערשטען, ויחל משה את פני ה' אלקיו, ויאמר למה ה' יחרה אפך בעמך וגו', זכור לאברהם ליצחק ולישראל עבדיך, אשר נשבעת להם בך, ותדבר אליהם ארבה את זרעכם ככוכבי השמים, וכל הארץ הזאת אשר אמרתי אתן לזרעכם ונחלו לעולם (שם לב-יא). עס איז נישט ארויסגעברענגט דא, וואס עס איז געווען די טענה פון משה רבינו צום אייבערשטען.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז, עס שטייט אין **תולדות יעקב יוסף** (פ' בא עה"פ על מצות ומרורים) פונעם **בעל שם טוב הק'**, אז ווען דער אייבערשטער וויל שטראפען א מענטש, איז דא צוויי וועגן ווי אזוי ער קען ברענגען א עונש. איינס, רצועה והלקאה, מען נעמט א שטעקן און מען שלאגט. די אלע יסורים וואס א מענטש גייט אדורך, ער איז נישט געזונט, ער האט נישט קיין פרנסה, וואס עס נעמט אוועק דעם הרחבת הדעת, שטראפט דער אייבערשטער דעם מענטש, כדי ער זאל זיך אויפוועקן, און ער זאל זיך צוריקקערן צום אייבערשטען. עס איז אבער אויך דא נאך א וועג, ווי אזוי דער אייבערשטער קען שטראפן א מענטש. דורך אים געבן אסאך חסד. און ער זאגט א משל, צו איינער וואס האט געזינדיגט פארן מלך, און דער מלך האט אים געוואלט שטראפען, אבער דער מלך האט געוואוסט, אז די סיבה פארוואס ער האט געזינדיגט איז געווען, ווייל ער האט נישט געוויסט וואס א מלך איז, ער האט זיך נישט מתבונן געווען אינעם גרויסקייט פונעם מלך. האט דער מלך געזאגט, אז מען זאל נישט שטראפען דעם וואס האט געזינדיגט, נאר מען זאל אים אריינברענגען צו אים אין פאלאץ, און מען זאל אים געבן אלעס וואס ער דארף צו האבען, און ער זאל דארט באדינען דעם מלך, וועט ער זעהן די גרויסקייט פונעם מלך, און ווען ער וועט זעהן די גוטס פונעם מלך, און די גרויסקייט פונעם מלך, וועט ער זיך שעמען מיט דאס וואס ער האט געטון, און ער וועט חרטה האבען אויף דעם וואס ער האט ממרה געווען דעם רצון המלך.

**דאס** זעלבע איז אסאך מאל ביים אייבערשטען. דער מענטש זינדיגט, און דער אייבערשטער איז אים מקרב, ער גיט אים אסאך שפע, ער גיט אים מער פון וויפיל ער דארף, אז דער מענטש זאל זיך מאכן א חשבון, קוק ווי גוט דער רבונו של עולם איז, ער געבט מיר אלעס, און וואס באצאל איך אים צוריק, איך פיר מיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין. האט דער **בעל שם טוב** געטייטשט, א-ל נקמות ה' (תהלים צד-א), ה' איז מדת החסד, און נקמות איז פארקערט. נאר אמאל איז ביים

אייבערשטען א-ל נקמות ה', דער אייבערשטער טוט נעמען נקמה מיטן שם הוי"ה, מיטן מדת החסד, ער געבט פאר יענעם אסאך, און דורך דעם טוט יענער זיך צוריקקערן צום אייבערשטען.

**מען** ברענגט צו פונעם **רבי ר' בער זי"ע**, אז ער האט געטייטשט, משוך חסדך ליודעיך א-ל קנא ונוקם (זמירות ליל שב"ק), די סדר איז נישט אז מען בעהט חסד מיט א-ל קנא ונוקם, מיט א-ל מלא רחמים דארף מען בעטן משוך חסדך ליודעיך. האט ער געזאגט, אז מען בעהט, אז אפילו דער באשעפער איז א קנא ונוקם, דער באשעפער דארף זיך אמאל אפרעכענען מיט א מענטש, אבער 'משוך חסדך ליודעיך', טו עס מיט חסד, געב אים אסאך שפע, כדי ער זאל זיך משים לב זיין אויפן גרויסקייט פונעם מלך, און אויף דעם גוטסקייט פונעם מלך, און דאס זאל אים ברענגען אז ער זאל תשובה טון.

**עס** שטייט פונעם **קול אריה** (פ' בראשית אות טו), אז די גמרא (ב"ר יב-טו) זאגט, און רש"י ברענגט עס צו (בראשית א-א), אז דער אייבערשטער האט געוואלט באשאפן די וועלט מיט מדת הדין, און ער האט געזעהן אז אין העולם מתקיים, האט ער משתף געווען מדת הרחמים מיטן מדת הדין. האט ער געזאגט, אז דער אייבערשטער האט געוואלט באשאפן די וועלט מיטן מדת הדין, אז אויב א מענטש וועט זיך נישט פירן ווי עס דארף צו זיין, וועט אים דער אייבערשטער שטראפען. ראה שאין העולם מתקיים, ווער קען נעמען אזויפיל קלעפ פונעם אייבערשטען, האט ער משתף געווען דעם מדת הרחמים מיטן מדת הדין, עס מוז נישט זיין דין מיט דין, די דין קען קומען מיט רחמים. איך וועל אים ממשיך זיין רחמים, און דורך דעם וועט ער זיך משים לב זיין, און זיך צוריקקערן צום אייבערשטען.

**יודען** האבען געזינדיגט מיטן חטא העגל, און משה רבינו האט געזעהן אז דער אייבערשטער וויל מכלה זיין כלל ישראל. און עס קומט זיך טאקע, אנא חטא העם הזה חטאה גדולה (שמות לב-לא), עס קומט זיך אז מען זאל זיי מעניש זיין. האט משה רבינו געזאגט פארן אייבערשטען, עס איז אויך דא אן אנדערע וועג, ווי אזוי מען קען מעניש זיין יודען, עס מוז נישט זיין דווקא מיט שלעכטס. מען קען זיי מעניש זיין דורך דעם וואס דו וועסט זיי געבן אסאך גוטס, און דורך דעם וועלן זיי נתקרב ווערן צום אייבערשטען. זיי וועלן זעהן די גרויסקייט פונעם באשעפער, און דורך דעם וועלן זיי נכנע ווערן, און חרטה האבען אויף וואס זיי האבען געטון.

**ויחל** משה את פני ה' אלקיו, משה רבינו האט געזאגט, דער עונש מוז נישט זיין מיטן שם אלקים, מיטן מדת דין. עס קען זיין, אז די דין זאל זיין אויף א וועג פון חסד. דער ה', דער הוי"ה, קען אויך זיין אלקיו, וואס איז מדת הדין. ווי אזוי, זכור לאברהם ליצחק ולישראל עבדיך אשר נשבעת להם בך, ותדבר אליהם ארבה את זרעכם ככוכבי השמים, דו האסט זיי צוגעזאגט אז דו גייסט זיי געבן א שפע מיט קינדער, וכל הארץ הזאת אשר אמרתי אתן לזרעכם ונחלו לעולם, דו וועסט זיי געבן ארץ ישראל. געב זיי קינדער, געב זיי ארץ ישראל, וועסט זעהן אז פון די גוטס וואס דו גייסט זיי געבן, וועלן זיך יודען צוריקקערן צום אייבערשטען.

**עס** שטייט אבער דארט אין **תולדות**, אז די עצה, אז מען זאל געבן פאר א מענטש גוטס און מיט דעם וועט ער נאנט ווערן צום באשעפער, נוצט נישט פאר יעדן איינעם. צו דעם דארף מען זיין א בר דעת, אז ווען ער באקומט דאס גוטס, זאל ער זיך מתבונן זיין, אז ער האט עס באקומען פונעם אייבערשטען, און ער איז עס נישט ווערד. אמאל איז דא וואס דער אייבערשטער גיט אים גוטס, און ער נוצט דאס אויס פאר שלעכטס. ער טראכט, איך בין דאך א בעל עבירה, און איך האב באקומען אזויפיל גוטס, עס קען דאך נישט זיין אז דער אייבערשטער האט עס מיר געגעבן, ווייל איך ווייס דאך ווי אזוי איך זעה אויס אקעגן דעם אייבערשטען, נאר פארוואס דען האב איך באקומען אזויפיל גוטס, ווייל כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, עס איז נישט דא קיין השגחה אויבן אין הימל, והיה כצדיק כרשע. אויב דער מענטש איז נישט א בר דעת, קען עס אמאל ברענגען א פארקערטע ווירקונג, ווייל ער רעדט זיך איין אז וואס ער האט, איז זיינע כוחות, און ווי מער מען וועט אים געבן, וועט ער נישט ווערן נאנטער צום רבונו של עולם, ווייל ער האלט אז עס איז

נישט פונם רבונו של עולם, נאר ער אליין האט זיך עס פארשאפט. אבער איינער וואס איז א בר דעת, און ער פארשטייט אז אלעס פירט זיך פונעם רבונו של עולם, און אז ער האט אסאך, האט עס דער אייבערשטער אים געגעבן, און פאר אים קומט זיך דאך נישט, ווערט ער נכנע אונטערן באשעפער, און אזוי ווערט ער נתקרב צום אייבערשטען.

**עס** שטייט אין די גמרא (חולין פט.) אז דער אייבערשטער האט געזאגט, נתתי גדולה לאברהם האט ער געזאגט (בראשית יח-כז) ואנכי עפר ואפר, ער האט זיך געהאלטן קליין, עס קומט זיך מיר נישט קיין גדולה. נתתי גדולה לנמרוד, האט ער געזאגט (שם יא-ד) הבה נבנה לנו עיר. נתתי גדולה לפרעה, אמר מי ה' אשר אשמע בקולו (שמות ה-ב). אמאל איז דא וואס ווען מען געבט גדולה, ברענגט עס דאס פארקערטע, אבער ווען איינער איז א בר דעת, דעמאלטס קען מען אים שטראפען מיט גוטס אויך. - א קינד קען מען שטראפען אויף צוויי וועגן, מען קען אים געבן קלעפ, און דורך דעם ווערט ער נכנע, אבער טאמער דאס קינד איז א בר דעת, און ער זעהט וואס פאר א גוטע טאטע און מאמע ער האט, האט ער אליין א הכנעה, און ער דארף צופרידען שטעלן זיינע עלטערן. - משוך חסדך ליודעיך א-ל קנא ונוקם, ווען קען זיין א-ל קנא ונוקם, אז מען זאל אים שטראפען דורך געבן חסד, ווען עס איז 'ליודעיך', ווען ער קען דעם אייבערשטען, און ער וועט נישט אוועקגיין פונעם באשעפער דורך דעם.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, 'כי תשא את ראש בני ישראל', אויב דו וועסט אויפהייבען די קעפ פון יודען, אז זיי זאלן פארשטיין, אז אלעס איז מיט א השגחה פרטית פונעם אייבערשטען, און טאמער דער אייבערשטער געבט זיי, און זיי האבען אסאך שפע, איז עס נישט וויל זיי האבען עס אליין פארשאפט, נאר עס איז א חסד פונעם באשעפער וואס האט עס זיי געגעבן, כדי עס זאל זיי מעורר זיין, אז ער זאל נאנט ווערן צום אייבערשטען. דעמאלטס 'ולא יהיה בהם נגף', וועסטו נישט דארפן ברענגען אויף זיי א נגף, 'בפקוד אותם', פקוד איז א לשון פון א חסרון. בשעת עס וועט פעלן פון זייער עבודת ה', וועסטו זיי נישט מוזען שטראפען אזוי ווי דו האסט געזאגט ויחר אפי בהם ואכלם, נאר דו וועסט זיי קענען מעורר זיין מיטן מדת החסד - און דאס איז שבת שקלים, וואס משה רבינו איז עומד שם, און ער איז זוקף ראשיהם של ישראל. מיר זענען אלע מיט דערהויבענע קעפ, און דער אייבערשטער דארף אונז שוין נישט שטראפען מיט קיין עונשים, נאר מען קען אונז ממשיך זיין שפע און חסד, משנכנס אדר מרבים בשמחה, זאל זיין שמחות אין אלע יודישע שטובער.

*

***יום שני פרשת תרומה***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יעקב פרץ הילמאן** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

*

***יום שלישי פרשת תרומה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

אחר השיעור נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **מאיר צבי ווייס** הי"ו (בן הר"ר **שלום ווייס** הי"ו, אוסטראליע), שהתקיים באולם סעוויל מענאר.

בשעות הערב כתב **רבינו שליט"א** אות בהספר תורה שנכתבה על ידי חברת 'בני אמונים', בהנהלת הר"ר **יוסף מארמארשטיין** הי"ו. אחר כך האציל **רבינו שליט"א** מברכותיו לכל העסקנים.

*

***יום רביעי פרשת תרומה***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לעיר לעיקוואד והתפלל תפלת שחרית בבית המדרש שמן למנחה. אחר שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **צבי זארגער**

הי"ו (חתן הר"ר **שמואל מאיר פשערהאפער** הי"ו, לעיקוואד). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**די** וואך אין די פרשה זאגט די תורה, אז מען זאל מאכען א משכן פארן אייבערשטען, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, וכן תעשו (שמות כה-ח) אזוי ווי איך ווייז דיר דער תבנית המשכן, און די תבנית פון די כלים, אזוי זאלט איר טון לדורות. אין די מפרשים שטייט, אז מיר אלע האבען אויך א משכן ביי זיך אינדערהיים, איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם (סוטה יז.), איש האט א יו"ד, און אשה האט א ה"א, דער אייבערשטער רוהט אין א יודישע שטוב, א שטוב איז א מקדש פונעם אייבערשטען. ווי אזוי מאכט א יוד, אז עס זאל זיין א השראת השכינה ביי אים אין שטוב, זאגט די תורה קוק נאך ווי אזוי איך האב געשריבען אין די תורה, אז מען דארף מאכען א ארון און א שלחן און כלים, און פון יעדע נקודה וואס איז געווען אין משכן, וועסטו זיך קענען אראפלערנען ווי אזוי מען דארף אויפשטעלן א משכן פארן אייבערשטען. ווי אזוי עס דארף זיין די ארון, וואס דאס איז די תורה הק', וואס דארף פירן די שטוב. ווי אזוי די שלחן דארף ביי דיר אויסקוקען, די מנורה, און די מזבח וואס איז רומז אויף מסירת נפש. און אויב דו וועסט אזוי נאכטון, קענסטו מאכען דיין שטוב פאר א מקדש פארן אייבערשטען.

**עס** שטייט אין פסוקביים ארון, ועשית שנים כרובים זהב (שמות כה-יח), דו זאלסט מאכען צוויי כרובים פאר די ארון, מקשה תעשה אותם, דו זאלסט עס אויסקלאפן, משני קצות הכפורת, פון די צוויי עקן פון די כפורת. ועשה כרוב אחד מקצה מזה, וכרוב אחד מקצה מזה, מן הכפורת תעשה את הכרובים על שני קצותיו. עס שטייט אין די גמרא (סוכה ה:), אז די כרובים זענען געווען כרביא, אזוי ווי די צורה פון א קינד. און עס איז געווען צוויי צורות, כרוב אחד מקצה מזה, וכרוב אחד מקצה מזה. און די צורות זענען נישט געווען צוגעשטיקעלט צו די כפורת, נאר עס איז געווען מקשה, מען האט עס געדארפט אויסהאקען פונעם כפורת אליין. די כפורת מיט די כרובים זענען געווען איין שטיק, און דאס איז געווען אינעם משכן פונעם אייבערשטען. וואס האט אונז די תורה געוואלט לערנען מיט די כרובים [אויסער די הויכע ענינים], אז עס זאל זיין וכן תעשו, וואס דארפן מיר זיך אראפלערנען דערפון.

**די** ביאור דערפון איז, כרובים איז א צורה פון א קינד. ווען מען וויל מחנך זיין קינדער, אז זיי זאלן זיין ערליך, דארף מען זיי לייגען דארט ווי דער ארון איז געווען, אינעם הייליגסטן פלאץ וואס עס איז שייך, אינעם קדשי קדשים. עס איז נישט דא נאך אזא היילג פלאץ אויף די וועלט ווי דער קדשי קדשים, און אז מען וויל מחנך זיין די קינדער, זאגט די תורה הק', נעם דיינע קינדער, און לייג זיי אריין אינעם קדשי קדשים, דארט ווי די לוחות זענען, דארט ווי די תורה איז, זיי מדבק דיינע קינדער צו די תורה הק'.

**אמאל** לייגט מען אריין די קינדער אינעם בית ה', אבער זיי זענען נישט צוגענאגעלט אהין. איין שעה איז ער דארט, און איין שעה איז ער ערגעץ אנדערש. איין טאג יא, און איין טאג נישט. זאגט די תורה, אויב דו ווילסט אז די כרובים זאלן זיין ווי עס דארף צו זיין, דארף עס זיין מקשה. אזוי ווי די קענסט נישט אראפ נעמען די כרובים פונעם כפורת, אזוי קענסטו נישט אוועק נעמען די קינדער פון תורה. עס איז נישט אז מען שטיקעלט צו דאס קינד, היינט האב איך אים אהינגעשטעלט, און מארגען וועל איך אים אוועקנעמען. די כרובים דארפן זיין מן הכפורת, פונעם כפורת זאלסטו זיי ארויסנעמען.

**מען** דארף לערנען תורה בחבורה, מען קען נישט לערנען תורה אליין. די גמרא (תענית ז.) זאגט, אז רבי חנינא האט געזאגט, הרבה למדתי מרבותי, ומחבירי יותר מרבותי, ומתלמידי יותר מכולן. ווען מען לערנט תורה איינער מיטן צווייטען, קומט מען ארויס צום אמיתיות התורה. זאגט די תורה, ועשה כרוב אחד מקצה מזה, וכרוב אחד מקצה מזה, דאס ווייזט אז די צוויי קינדער דארפן זיין צוזאמען, ופניהם איש אל אחיו, איינער זאל לערנען מיטן צווייטען.

**עס** שטייט אין פסוק (דברים כז-ט) הסכת ושמע ישראל, און די גמרא (ברכות סג:) דרשנ'ט מערערע פשטים אויף דאס ווארט הסכת. איין פשט זאגט די גמרא, הס כת. כת איז א לשון פון צוברעכען, ווען מען לערנט תורה דארף מען זיך צוברעכען אויף תורה, אין דברי תורה מתקיימין אלא במי שממית עצמו עליה. און איין פשט זאגט די גמרא, כת איז פון לשון כיתות, מען זאל נישט לערנען תורה אליין, נאר הס כת, מען דארף מאכען כיתות צו לערנען תורה. און דאס ווייזט דער כרוב אחד מקצה מזה, וכרוב אחד מקצה מזה, אז עס דארף זיין א כתה, ווי איינער לערנט צוזאמען מיטן צווייטען.

**זאגט** די תורה, ווען דו ביסט מחנך דיינע קינדער צו תורה, 'ועשית שנים כרובים זהב', דארף עס זיין שנים, איינער אקעגן דעם צווייטען. מען זאל לערנען איינער מיטן אנדערן. און 'מקשה תעשה אותם', דו זאלסט עס מאכען אז עס זאל זיין אויסגעקלאפט פונעם כפורת אליין, עס זאל זיין א גוף אחד צוזאמען מיט די כרובים, און נישט אז דו זאלסט נאכדעם צושטעלן די כרובים צום כפורת. און דו זאלסט עס מאכען 'משני קצות הכפורת', די צוויי עקן פון די ווארט 'כפורת', איז פון איין זייט דא די אות כ', און פון די צווייטע זייט די אות ת', דאס איז הס 'כת', עשו כיתות. 'משני קצות הכפורת', פון די צוויי ווינקלען פונעם כפורת, וואס ביי די צוויי ווינקלען פונעם ווארט כפורת זענען דא די אותיות כ' מיט ת', וואס די גמרא דרשנ'ט פון דעם ווארט כת, אז מען דארף מאכען כיתות צו לערנען תורה, אזוי זאלסטו לייגען די כרובים, ווען זיי גייען לערנען תורה הק'.

*

בשעות הערב נכנסו **לרבינו שליט"א** קבוצה מבחורי ישיבת נתיבות התלמוד (תלמידי הרב **אליעזר יצחק** **וייס** שליט"א) שנבחנו על כל מסכת בבא בתרא. **רבינו שליט"א** השמיע לפניהם דברי חיזוק.

***__וזה תוכן השיחה:__***

**די** גמרא (סוכה ה:) זאגט, אז די כרובים וואס זענען געווען אויפן ארון, זענען געווען אין די צורה פון א קינד. כרביא, מיט א כ"ף הדמיון, אזוי ווי א קינד. די כרובים אויפן ארון קומט אונז צו לערנען, אז די קינדער דארפן זיצען אין קדשי קדשים, אויף די תורה, אויף די לוחות, דארט איז זייער פלאץ. דארט ווי די תורה איז, דארט דארפן קינדער זיין. און די כרובים זענען געווען איין שטיק מיטן כפורת, מען האט עס נישט שפעטער צוגעשטעלט, ווייל א זאך וואס מען טוט באהעפטען, קען מען מארגען אראפנעמען, אבער א זאך וואס איז מקשה, קען מען אים נישט אוועק נעמען פון דארט, ווייל ער איז איינס. די וואס זיצען און לערנען תורה, דארפען שטענדיג זיין נעבן די תורה, אז זיי זאלן זיך נישט קענען אפטיילען פון דארט. מען קען נישט זיין אביסל אויף די גאס, און אביסל אין בית המדרש, מען דארף שטענדיג זיין ארומגענומען מיט קדושה. און זייער פלאץ איז אין די הייליגסטע פלאץ וואס איז דא אין די וועלט, אין קדשי קדשים. ווייל די לופט ארום און ארום דארף זיין קודש קדשים, דעמאלטס וואקסט מען אין תורה.

**אמאל** איז דא וואס מען געפונט זיך טאקע אין בית המדרש, אבער פניהם לבית (דברי הימים ב ג-יג), ער דרייט אויס די פנים, און ער קוקט ווען ער קען שוין אהיימגיין. און אמאל איז עס פניהם איש אל אחיו (שמות כה–כ), ער קוקט נאר אין די תורה, און ער דרייט זיך נישט אויס קוקען וואס עס טוט זיך אינדערהיים. ווען עס איז פניהם איש אל אחיו, ווען צוויי חברים זענען איינס אקעגן דעם צווייטען, מען זיצט און מען לערנט, און מען קוקט נישט ארויס פון די ארון און די לוחות, דעמאלטס איז עושין רצונו של מקום (בבא בתרא צט.). אבער אויב עס איז פניהם אל הבית, ער איז טאקע אין בית המדרש, אבער ער קוקט אלץ אויפן זייגער ווען מען קען שוין אהיימגיין, ווען וועט מען שוין זיין אין שטוב, דעמאלטס איז אין עושין רצונו של מקום. ווייל עס איז א סימן אז דו ביסט נאר דא בכפיה, דו האסט נישט קיין ברירה מוזטו זיין אין בית המדרש. די כרובים מיטן ארון האבען אונז געלערנט, ווי אזוי א יוד דארף זיין דבוק אין תורה.

**אין** בית המקדש איז געווען די ארון מיט די מנורה. אין די ארון איז געווען די תורה, און די מנורה זאגט די גמרא (בבא בתרא כה:) ווייזט אויך אויף תורה, הרוצה להחכים ידרים, וסימניך מנורה בדרום. אין די מנורה האט מען אנגעצינדען נרות, און דער נר

המערבי, האט געברענט מער פון אלע נרות, דער נר המערבי האט געלאכטען בייטאג און ביינאכט. און דאס איז אויך נאר געווען, ווען עס איז געווען עושין רצונו של מקום, אזוי שטייט אין די גמרא (יומא לט.) משמת שמעון הצדיק, איז שוין נישט געווען דער נס. עס איז דא אזעלכע נרות, וואס ווייזט אויף די תלמידים וואס זיצען און לערנען תורה נאר בייטאג. ווען ער איז בייטאג אין ישיבה לייכט ער, אבער ווען עס קומט ביינאכט איז ער אויסגעלאשען, ער איז אויסגעברענט. אבער דער נר המערבי האט געלאכטען די גאנצע צייט, בייטאג און ביינאכט. ער זיצט און לערנט תורה צופרי און ביינאכט, ער גייט נישט שלאפן, ער גייט נישט אויף ריסע"ס, ער גייט זיך נישט אפרוען, ער לעשט זיך קיינמאל נישט אויס, ווייל דער נר וואס איז לפני ה', ער איז משים לילות כימים, ער לייכט ביינאכט אזוי ווי בייטאג.

**וועט** מען פרעגן פון ווי האט מען אזויפיל כח, לערנען סיי בייטאג און סיי ביינאכט. איז די תירוץ, בנס היה דולק, עס איז א נס, דער אייבערשטער ווייזט נסים. קיינער איז נאך נישט קראנק געווארן, קיינער האט נישט געהאט א קיצור ימים, ווייל ער האט געלערנט צו פלייסיג, און ער איז ווייניג געשלאפן און ווייניג געגעסן, ווייל גדולה תורה שנותנת חיים לעושיה בעולם הזה ובעולם הבא (אבות ו-ז), תורה געבט חיים סיי בעולם הזה, און סיי בעולם הבא. ווען א מענטש איז זיך מקדיש פאר תורה, קען ער לייכטן בייטאג און ביינאכט, ער איז שטענדיג ארומגענומען מיט קדושת התורה.

**איך** פארשטיי אז צו קענען מסכת בבא בתרא האט מען געדארפט זיין א משים לילות כימים, איר זענט אלע נר המערבי"ס, און דאס דארף געבן מוט און חשק אויף ווייטער, אז מען זאל ווייטער ממשיך זיין, און קענען אלע דריי בבות. זאל דער אייבערשטער העלפען, אז איר זאלט ווייטער אויף האבן הצלחה אין תורה, און איר זאלט אויסוואקסען תלמידי חכמים און יראי ה', און ענקערע עלטערן און ענקערע רבי'ס זאלן זעהן ביי ענק אסאך יודיש נחת.

*

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **פסח דוד משה טויבער** הי"ו (ב"פ), עב"ג בן הר"ר **אברהם זריל** הי"ו (מאנטריאל), שהתקיים באולם הוד והדר. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** (עם השטריימעל) אצל החתונה של בן מחותנו **הרה"ג רבי שמואל חיים האלבערשטאם שליט"א**, עב"ג בת **הרה"ג רבי יצחק צבי סופר שליט"א** (ב"פ). **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **משה יוחנן וויינבערגער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מענדל גראס** הי"ו (מאנסי). **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***<u>יום חמישי פרשת תרומה</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי, ושיעורו השבועי באור החיים הק'.

אחר השיעור נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **אברהם שלום פעלבערבוים** הי"ו, שהתקיים באולם סקאליע.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **ישראל טירנויער** הי"ו שהתקיים באולם ויואל משה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור הלך **רבינו שליט"א** לכתיבת האותיות בהספר תורה שנכתבה ע"י הר"ר **זלמן לייב ווייס** הי"ו (ב"פ). **רבינו שליט"א** כתב אות, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***<u>ערב שבת קודש פרשת תרומה</u>***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אברהם יואל יאקאבאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות

ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**ויקחו** לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי (שמות כה-ב). און רש"י זאגט, ויקחו לי, לי לשמי. מען זאל נעמען צו מיין נאמען. די פשוטע פשט איז, אז ווען מען געבט תרומה פארן אייבערשטען, דארף עס זיין לשם שמים. עס קען זיין, אז עס ליגט דא אויך א רמז אויף די מצוה פון ברית מילה.

**עס** שטייט אין תיקוני זוהר הק' (תיקון כב סו.) אז בשעת מען מל'ט א קינד ווערט נתגלה אויף אים דעם אייבערשטענס נאמען. עס איז דא צוויי שמות, דער שם הוי"ה און דער שם שד"י, איינס איז מלגו און איינס איז מלבר, און דאס ווערט נתגלה בשעת מען מל'ט א קינד. - עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז די צוויי שמות צוזאמען באטרעפט וויפיל 'שם', שד"י איז דריי הונדערט און פערצן, און דער שם הוי"ה איז נאך זעקס און צוואנציג, צוזאמען איז עס 'שם'.

**מען** ווייסט אז דער אייבערשטער האט מטביע געווען אינעם מענטש די מדה פון אהבה, ליב צו האבען. וואס איז די גרעסטע מאס אהבה וואס א מענטש האט? בדרך כלל צוטיילט זיך עס אין צוויי ענינים. איינס, זיין גוף. דער מענטש האט זיך זייער שטארק ליב, און ער געבט אכט אויף זיך, אז עס זאל אים גארנישט פעלן, אז ער זאל הנאה האבען פונעם לעבן, און ער זאל נישט האבען א צער. די צווייטע זאך וואס א מענטש האט ליב, איז געלט. עס איז נפשו של אדם מחמדתן (מכות כג:). אין די גמרא (ברכות סא:) שטייט, אז עס איז יש לך אדם שממונו חביב עליו יותר מגופו, כאטש א מענטש האט ליב דעם גוף, פון דעסטוועגן דאך, איז ביי אים זיין פארמעגן מער חביב ווי זיין גוף. און עס איז ביי יעדעם אזוי, נאר דארט רעדט די גמרא כלפי אוועק צו געבן דאס לעבן, אז אמאל געבט א מענטש אוועק זיין לעבן און ער איז זיך מוסר נפש פאר זיין געלט, אבער בעצם האט א מענטש א חביבות צו געלט. א מענטש איז מטריח זיין גוף, ער ארבעט, כדי ער זאל פארדינען געלט. ער געבט אוועק די הנאה פונעם גוף, כדי ער זאל קענען צוקומען צו געלט. זעהט מען ווי ווייט דער אייבערשטער האט מטביע געווען אינעם מענטש די הנאה צו געלט.

**און** דער אייבערשטער האט געזאגט, ואהבת את ה' אלקיך, מען דארף ליב האבען דעם אייבערשטען, בכל לבבך ובכל נפשך, אפילו הוא נוטל את נפשך, ער דארף אוועקגעבן זיין גוף פארן אייבערשטען, ובכל מאדך (דברים ו-ה), ער דארף אוועקגעבן זיין גאנצע געלט, ווען עס איז נוגע פארן אייבערשטענס וועגן. א יוד דארף דינען דעם אייבערשטען, און ליב האבען דעם אייבערשטען מיט די גרעסטע מאס אהבה וואס ער האט צו זיך, און צו זיין פארמעגן, דארף די ליבשאפט צום אייבערשטען זיין העכער.

**ווען** מען מל'ט א קינד לייגט מען אריין אינעם קינד די כח פון מסירת נפש, אז א קינד זאל קענען אוועקגעבן זיין בלוט פארן אייבערשטען, דאס איז מצות מילה, כי עליך הרגנו כל היום (תהלים מד-כד). מצות מילה איז א ברית פון אהבה, צווישן יודען און דעם אייבערשטען. ווי אזוי ווייזען מיר ארויס אונזער ברית אהבה צום אייבערשטען, מיט דעם וואס א יוד פארגיסט זיין בלוט, ער געבט אוועק זיין גוף פארן אייבערשטען.

**מען** פארגיסט טאקע בלוט, אבער דמים תרתי משמע (עיין מגילה יד:), דמים האט אין זיךביידע טייטשען. אמאל איז דא וואס א מענטש איז ממונו חביב עליו יותר מגופו, און אמאל איז גופו חביב עליו יותר מממונו, ביידע סארט דמים, וואס א מענטש האט א אהבה דערצו, זיין בלוט און זיין פארמעגן, דארף ער אוועקגעבן פארן אייבערשטען. און בשעת א יוד מל'ט זיך, דעמאלטס ווערט נכרת אין אים א ברית אהבה צום אייבערשטען, אז ער זאל קענען אוועקגעבן אלעס וואס ער האט ליב פארן באשעפער.

**ווען** מען האט געדארפט צוזאמשטעלן געלט פארן נדבת המשכן, איז עס געווען די ערשטע מאל וואס מען האט צוזאמגענומען געלט ביי יודען. פאר דעם איז נישט געווען אזא זאך ביי יודען, אז מען זאל בעטען ביי זיי געלט. אין מצרים האט מען נישט

געהאט וואס צו געבן, און פאר וואס צו געבן. די ערשטע מאל וואס מען האט געדארפט אוועקגעבן פארמעגן, און נישט פשוט פארמעגן, נאר זהב וכסף ונחושת, וויפיל גאלד איז אריינגעגאנגען אינעם משכן, און אין די כלים פון די משכן. און יודען האבען עס אוועקגעגעבן מיטן גאנצן הארץ, אין צוויי טאג האט מען געהאט אלעס וואס מען דארף האבען צום משכן. אז מען האט געדארפט אויסרופן, אז מען זאל נישט ברענגען מער, ווייל עס איז שוין דא אלעס וואס מען דארף האבען.

**פון** ווי האבען יודען געהאט כח אוועק צו געבן זייער געלט פארן רבונו של עולם, דאס נעמט זיך פון מצות מילה. ווייל ביי מצות מילה האט מען מטביע געווען, אז א מענטש געבט אוועק זיין דם פארן אייבערשטען, און דמים איז תרתי משמע, וואס ער האט דאס מערסטע ליב דארף ער אוועקגעבן פארן באשעפער. און דאס האט געגעבן כח אז מען זאל קענען געבן די תרומה פארן נדבת המשכן.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט, ויקחו לי תרומה מאת כל איש, מען זאל נעמען תרומות פון יעדן איינעם, זהב כסף ונחושת, די טייערסטע זאכען וואס מען האט, זאל מען אוועקגעבן פארן אייבערשטען. פון ווי וועט מען האבען דעם כח, אז מען זאל עס קענען אוועקגעבן. ויקחו לי לשמי, מען האט די קדושת המילה, וואס מילה איז שמ"י, די צוויי שמות פונעם אייבערשטען, די שם שד"י מיטן שם הוי"ה, וואס איז בגימטריא 'שם', און עס איז דער שם. ויקחו לי לשמי, ווי אזוי וועט מען קענען נעמען די תרומה, דורך דעם וואס א יוד מל'ט זיך פארן אייבערשטען, דורך דעם געבט ער אוועק פארן באשעפער אלעס וואס ער האט ליב.

*

***שבת קודש פרשת תרומה***

בליל שבת קודש ערך קודש **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד הבחור **יוסף ראזנער** ני"ו, נכד **רבינו שליט"א**.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **שמעון משה גאנץ** הי"ו, חתן הר"ר **משה יוחנן וויינבערגער** הי"ו.